**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 6 מיליאן דאלער איצט צו באקומען פאר ענווייראנמענטל יוסטיץ קאמיוניטי אימפעקט גרענטס**

***פאנדינג איז אוועילעבל צו אדרעסירן ענווייראמענטאל זארגן אין מעגליכע ענווייראמענטאלע יוסטיץ געגנטער***

***גרעסטע קאמיוניטי אימפעקט גרענט זייט די פראגראם איז געשאפן געווארן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 6 מיליאן דאלער אין גרענטס איז יעצט אוועילעבל צו העלפן קאמיוניטיס וואס שטייען אויס ענווייראנמענטאלע יוסטיץ שוועריקייטן און אדרעסירן ענווייראנמענטאלע זארגן. די לעצטע רונדע פון ענווייראמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטי אימפעקט גרענטס איז די גרעסטע סומע וואס איז געאפערט געווארן ביז היינט און ווערט געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג פאנד אלס טייל פון ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן קאמיוניטיס וואס זענען אומאיייניג אונטערן יאך פון ענווייראמענטאלע לופט פארפעסטיגונג.

"ניו יארק סטעיט איז געטריי צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס די געצייג און ריסאורסעס וואס זענען נויטיג כדי צו העלפן אדרעסירן די היסטארישע און אנגייענדע שוועריקייטן וואס ענווייראנמענטאלע לופט פארפעסטיגונג פאראורזאכט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ענווייראמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטי אימפעקט גרענט פאנדינג, די גרעסטע סומע וואס דער פראגראם האט געמאכט אוועילעבל ביז היינט, וועט פארבעסערן די מעגליכקייט פון קאמיוניטי ארגאניזאציעס דורכאויס די סטעיט צו א דרעסירן לאקאלע זארגן און אנטוויקלען לאקאלע לעזונגען צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און פארזיכערן א מער ריינע, געזונטערע צוקונפט."

זייט 2006, האט די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (DEC) געשאנקען איבער 12 מיליאן דאלער אין קאמיוניטי אימפעקט גרענטס צו קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס פאר פראיעקטן וואס פארמישן זייערע קאמיוניטיס ארום ענווייראמענטאלע יוסטיץ אישוס און נוצן קאמיוניטי-געפירטע לעזונגען. קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס קענען זיך איינגעבן צו באקומען ביז $100,000 אין פאנדינג פאר פראיעקטן וואס אדרעסירן ענווייראנמענטאלע און פובליק געזונטהייט זארגן פון איינוואוינער אין באווירקטע געגענטער.

פריערדיגע פראיעקטן וואו וואס DEC האט געשאנקען נעמען אריין פובליק פארטיסיפעטארי סייענס, קאמיוניטי-געפירטע וואסער און לופט קוואליטעט מאניטערן, אורבען פארמינג, האביטאט צוריקשטעלונג, פלאנצן ביימער, קוריקיולום דעוועלאפמענט,און גרינע אינפראסטרוקטור. א ליסטע פון פריערדיגע באצאלטע פראיעקטן און פראיעקט שילדערונגען איז אוועילעבל אויף [Open Data NY](Open Data NY).

**דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע קאמישאנער באסיל סעגאס האט געזאגט**, "ענווייראמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטי אימפעקט גרענטס האבן געהאלפן ברענגען באדייטנדע פארשריט

דורכן העלפן ניו יארקער לעבן מער געזונטע, סאסטעינעבל לעבנס. די פאנדינג איז איינס פון פילע וועגן ווי אזוי DEC ארבעט אינאיינעם מיט קאמיוניטיס און ארגאניזאציעס צו פריאריטיזירן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ, פארמערן סאסטעינעבל לעזונגען, און פארזיכערן לאקאלע ריסאורסעס."

**סטעיט סענאטאר פיט הארקהאם האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג צו מאכן די קריטישע גרענטס אוועילעבל כדי צו העלפן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס וואס זענען אומ'יושר'דיג אונטערן יאך פון אינדאסטריעל לופט פארפעסטיגונג. מיר מוזן מאכן זיכער אז מיר ארבעטן שווער צו העלפן פארלייכטערן דעם יאך דורכן נוצן אלע אוועילעבל ריסאורסעס."

**אסעמבלימיטגליד דעבארע גליק האט געזאגט,** "די ענווייראמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטי אימפעקט גרענטס זענען קריטיש פאר באזייטיגטע קאמיוניטיס צו אדרעסירן יארן פון צופיל זיין אויסגעשטעלט צו שעדליכע אפפאל, פארפעסטיגונג, און אנדערע גיפטיגע ענווייראמענטאלע באטרעפונגען. א העכערונג אין די וויכטיגע גרענטס איז די ריכטיגע ריכטונג פאר ניו יארק סטעיט, איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און קאמישאנער סעגאס' ווייטערדיגע שטיצע פאר ענווייראנמענטאלע יוסטיץ פאנדס און פראיעקטן."

בארעכטיגטע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס געפינען זיך אין מעגליכע ענווייראמענטאלע יוסטיץ געגנטער, זענען גרופעס וואס דינען די איינוואוינער פון א געגנט וואס איז אייניג אדער קלענער ווי א קאונטי אינדרויסן פון ניו יארק סיטי אדער א געגנט וואס איז אייניג אדער קלענער ווי איינע פון ניו יאָרק סיטי'ס פינף באראוס, און ארגאניזאציעס מיט סך הכל רעוועניו ווייניגער ווי 3 מיליאן דאלער. ווייטערדיגע בארעכטיגונג אינפארמאציע איז אוועילעבל אנליין ביי די [גרענט געלעגנהייט פארטעל](). פראיעקטן מוזן אדרעסירן א קאמיוניטי'ס זיין אויסגעשטעלט צו מערערע ענווייראנמענטאלע סכנות און ריזיקעס און נעמען אריין א נייע פארשונג באשטאנדטייל וואס וועט גענוצט ווערן צו פארברייטערן די ווייסנשאפט פון די אפעקטירטע קאמיוניטי.

אפליקאנטן ווערן געפאדערט זיך צו רעגיסטרירן און פאראויס קוואליפיצירן אין די גרענטס געיטוועי פארן איינגעבן. איינמאל מען איז פאראויס רעגיסטרירט און פאראויס קוואליפיצירט, קענען ארגאניזאציעס זיך איינגעבן פאר גרענטס אין די גרענטס געיטוועי. אנווייזונגען און אפליקאציע קען מען געפונען אָנליין ביי די [גרענטס געיטוועי וועבזייטל](). דער דעדליין צו אריינגעבן אפליקאציעס איז 3 אזייגער נאכמיטאג EST אום יולי 26, 2023. פאר א פולע ליסטע פון אנווייזונגען און נאך אינפארמאציע, פארבינדט זיך מיט DEC'ס אפיס פון ענווייראמענטאלע יוסטיץ אויף 518-402-8556, justice@dec.ny.gov, אָדער דורך אינטערנעט ביי [DEC's ענווייראמענטאלע יוסטיץ וועב-בלאט]().

פאנדינג פאר דעם גרענט פראגראם איז צוגעשטעלט געווארן דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג פאנד (EPF), א קריטישע ריסאורס פאר ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, פארוויילונג צוטריט, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פראיעקטן. צווישן די פילע ענווייראמענטאלע זיגן וואס זענען איינגעפירט געווארן אין די סטעיט בודזשעט פאר 2022-23, האט גאווערנער קעטי האקול און לעגיסלאטיווע פירער געהעכערט די EPF צו 400 מיליאן דאלער — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן